# א גריס פון בית פיגא

פרשת וארא

שבט תשפ"א

יאר 1 גליון 9

## מעשיות פון תפילה

### פרי 1 עי - שרי הערצאג

מיין מאמע איז געפארן אין אומאן, איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל קענען גיין צו מיין באבע'ס הויז און ש'כח אייבערשטער אז איך האב געקענט גיין!



### ערשטע קלאס - פייגא חנה מזרחי

איך האב געבעטן די אייבערשטער אז אונז זאלן שוין מופן צו א נייע שיינע גרויסע הויז און ש'כח אייבערשטער אז אונז האבן געמופט!




### צווייטע קלאס - עטי בלום

איך האב מיך זייער שטארק צוקלאפט מיין פינגער און איך האב געבעטן די אייבערשטער אז עס זאל נישט וויי טון און ש'כח אייבערשטער אז עס האט זיך אויסגעהיילט!



### פערדע קלאס - לאה'לע איידליס

אונז זענען געווען אין מאנרא, און אויפן וועג צוריק האט אונזער בעיבי אנגעפאנגען צו וויינען ווייל זי איז געווען זייער הונגעריג. איך האב געבעטן די אייבערשטער אז עס זאל זיין א סטאר אפן אויפן וועג מען זאל קענען קויפן א באטי פאר איר, און דער אייבערשטער האט געהאלפן!



### עלטסטע קלאס - פריידי ווייזער

מיין ברודער האט זייער נישט גוט געפילט, ער האט כמעט נישט געקענט רעדן. איך האב יעדן טאג געבעטן די אייבערשטער אז ער זאל גוט פילן און ש'כח אייבערשטער אז ער פילט שוין גוט!



### בית פיגא ליבערטי - חי'לע וועבערמאן

איך האב געמאכט א קאנטרי מיט די קליקס און עס איז נישט געווען גענוג קליקס פאר אלע הייזער, האב איך געבעטן די אייבערשטער אז אונז זאלן האבן נאך קליקס און ש'כח אייבערשטער אז אונז האבן זונטאג געקויפט נאך קליקס, און איך האב געקענט ענדיגן אלע הייזער, ש'כח אייבערשטער!



## נייעס אין בית פיגא

~ די וואך דאנערשטאג איז פארגעקומען די הערליכע ראש חודש פראגראם, וואס רחל'ע גברא און דבורי אינדיג האבן אנגעפירט! מען האט געשפילט אפאר אינטערסאנטע געימס מיט פרוכט לכבוד ראש חודש שבט. דערנאך האט מען געזינגען און געטאנצן לכבוד ראש חודש.

~ די פערטע קלאס אין שטעטל נייט א הערליכע פענסיל קעיס. זיי לעבן אזוי שטארק מיט די אייבערשטער, אז אפילו עס געלונגט נישט גוט זאגן זיי ש'כח אייבערשטער און זיי מאכן עס איבער.

# א בריוו פון די ראש ישיבה שליט״א

בעזרת ה׳ יתברך

יום ג׳ פרשת חיי שרה, כ״א מר-חשון, שנת תשע״ט לפרט קטן

**... תחי׳, תלמידה בית פיגא ברסלב.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.
איך האב זייער הנאה געהאט צו ליינען וואס דו שרייבסט וכו׳; זייער גוט טוסטו אז ווען דו גייסט אין גאס צווישן מענער גייסטו אויף די זייט בצניעות וכו׳ און דו געבסט אכטונג צו זיין ווי מער באשיידן, אין דעם זכות וועסטו זכה זיין צו ערליכע קינדער. אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המדות, אות בנים, סימן ט): ״צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה, מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים״, א פרוי וואס פירט זיך איידל און צניעות׳דיג וועט זוכה זיין צו גוטע קינדער; דאס איז שייך ווען מען איז נאך א מיידל און אויך ווען מען האט חתונה, אז מען היט זיך אפ צו זיין איידל און ערליך איז מען זוכה צו קינדער און אייניקלעך ערליכע אידן.

זארג נישט פאר דיין שידוך; דו וועסט מיטן אייבערשטנס הילף טרעפן א גוטע שידוך. איך הער זייער גוטע גריסן אויף דיר, אז דו פירסט זיך מיט גוטע מידות. מוהרא״ש זאגט אויף דעם וואס מיר זאגן ביים דאווענען (פרשת הקטורת; כריתות ו:): ״אִם כְּמִדָּתָהּ - כְּשֵׁרָה לַחֲצָאִין״, אִם כְּמִדָּתָהּ - איינער וואס האט גוטע מידות, איז שוין א סימן: כְּשֵׁרָה - אז ער איז אן ערליכער איד; ווייל מידות איז א זאך וואס מען קען זיך נישט טוישן אויף דער עלטער.

דערפאר אז איך הער פון די מנהלת תחי׳ און פון דיינע טיטשערס אז דו פירסט זיך מיט דרך ארץ און מיט איידלקייט וועסטו זיכער באקומען א בחור מיט יראת שמים; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (סוטה ב.): ״אֵין מְזַוְּגִין לוֹ לְאָדָם אִשָּׁה אֶלָּא לְפִי מַעֲשָׂיו״, דער אייבערשטער מאכט שידוכים לויט ווי אזוי דער מענטש איז, ווייל (מכות י:): ״בַּדֶּרֶךְ שֶׁאָדָם רוֹצֶה לֵילֵךְ בָּהּ מוֹלִיכִין אוֹתוֹ״, אויף דעם וועג וואס א מענטש וויל גיין, אויף דעם וועג פירט מען אים.

ווען מעןווארט פאר א שידוך דארף מען האבן סבלנות, מען דארף בעטן דעם אייבערשטן און ווארטן אז עס זאל קומען די ריכטיגע מינוט ווען די שידוך וועט ווערן; דאס מיינט נישט אז מען זאל אויפהערן צו דאווענען און בעטן פאר א שידוך, מען דארף בעטן און בעטן און נישט אויפהערן בעטן דעם אייבערשטן מען זאל באקומען א גוטע שידוך, אבער מען טאר נישט אריין פאלן אין א פאניק אז עס מוז היינט ווערן וכו׳ און מען דארף אכטונג געבן נישט צו זיין א דוחק את השעה. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות סד.): ״כָּל הַדּוֹחֵק אֶת הַשָּׁעָה - הַשָּׁעָה דּוֹחַקְתּוֹ״, ווער עס עקשנ׳ט זיך - ער זאגט ׳עס מוז יעצט געשען דאס וואס ער וויל׳, דער וועט ווערן זייער אנטוישט און צעבראכן, נאר מען דארף ווארטן און גלייבן אז די ישועה וועט קומען בקרוב.

## ספר המדות ווינקל

ז. כְּשֶׁתְּחַזֵּק אֶת הָאָדָם בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הוּא יֹאהַב אוֹתְךָ.

ווען דו שטארקסט א מענטש צו דינען די אייבערשטער וועט ער דיך ליב האבן.

ח. עַל-יְדֵי אֲמִירַת הַלֵּל בְּקוֹל גָּדוֹל, זוֹכִים לְאַהֲבַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

ווען מען זאגט הלל מיט א הויך קול קומט מען צו צו ליב האבן די אייבערשטער.

## מזל טוב

**אדי און לאה׳לע קרויס**

**זייער מאמע האט געבוירן א יונגל בעיבי!**

**גיטי, פייגעלע, אדל און לאה׳לע יאקאבאוויטש**

**זייער מאמע האט געבוירן א יונגל בעיבי!**

# א מעשה פון א צדיקת

די הייליגע רבי האט געהאט א נאנטע תלמיד וואס האט געהייסן רבי שמעון, ער איז געווען די ערשטער תלמיד פון די רבי.

ער האט געהאט אן איינציגע זון א בן יחיד. איין טאג איז ער אהיימגעקומען און געזען ווי זיין ווייב זיצט נעבן זיין זון'ס בעט מיט א תהלים אין איר הענט און זי וויינט זייער שטארק. האט ער איר געפרעגט וואס ס'גייט פאר. האט זי אים געענטפערט, "אונזער איינציג זון איז זייער קראנק, און ער דארף א גרויסע רפואה, לויף שנעל צו די רבי און בעט אויס א רפואה שלימה".

עס איז שוין געווען זייער שפעט ביינאכט, אבער ר' שמעון האט נישט געקוקט אויף גארנישט, ער געלאפן צו די רבי. ווען ער איז ענדליך אנגעקומען פארסאפערטערהייט, זעהט ער אז די רבי גרייט זיך שוין צו גיין שלאפן. ווייל ער איז געווען זייער היימיש ביי די רבי, איז ער אריינגעלאפן און זיך גענומען זייער שטארק צו וויינען. "רבי, מיין איינציגסטע זון איז זייער קראנק עס זעט אויס ווי עס איז שוין דערנאך, וואס זאל איך טון?" אבער דער הייליגע רבי האט אים גארנישט געענפערט. ר' שמעון האט זיך אבער גע'עקשנט, "רבי איך האב נאר איין קינד טו מיט מיך א חסד און געב אים לעבן," אבער די רבי האט יעצט אויך נישט געענפערט נאר געוויזן מיט זיין הענט אזוי ווי עס איז שוין דערנאך מען קען גארנישט טון.

ר' שמעון איז ארויס פון די רבי'ס שטוב אינגאנצן צובראכן און דערביטערט. ער איז אהיימגעגאנגען און זיין ווייב האט אים געפרעגט, "נו, וואס האט די רבי דיך געזאגט?" ער האט זיך דעמאלטס גענומען זייער שטארק צו וויינען, און איר געזאגט אז דער רבי האט נישט געענפערט נאר געוויזן אז עס איז שוין דערנאך.

ר' שמעון איז ארויס פון זיין הויז אינגאנצן מייאש און צובראכן, אבער פון די אנדערע זייט זיין ווייב האט נישט אויפגעגעבן זי איז צוגעלאפן צו איר קינד'ס בעט און גענומען א תהלים און זייער שטארק געוויינט און געבעטן דער אייבערשטער אז ער זאל שיקן א רפואה שלימה פאר איר זון. אזוי איז זי געזיצן א גאנצע נאכט ביי זיין בעט און געבעטן די אייבערשטער.



ווען עס האט אנגעהויבן צו טאגן איז ר' שמעון געגאנגען דאווענען שחרית ותיקון מיט די זעלבע מנין מיט וואס די רבי פלעגט דאווענען. ער קומט אן און שול אינגאנצן צובראכן און מייאש, דאן זעט ער דער רבי אנגעטון מיט זיין טלית און תפילין, מיט א גרויסע שמייכל אויף זיין פנים, און דער רבי זאגט אים, "מילא אז דיין ווייב האט אויסגעפועלט א רפואה שלימה פאר דיין זון, פון דעם רעד איך אפילו נישט, נאר זי האט אפילו אויסגעפועלט פאר אים אריכת ימים ושנים."

נאך שחרית איז ער אהיימגעלאפן מיט איין אטעם, ווען ער איז אנגעקומען אינדערהיים האט ער געזען ווי זיין זון איז געזונט און שטארק.

נאך די מעשה האט די רבי אויסגעפירט, "שטעל זיך פאר די גרויסקייט פון די תפילה פון א פרוי וואס איז מתפלל מיט טרערן, וואס פאר א רעש עס מאכט און הימל."

# פון אונזערע לערערינס...

בעזרת ה׳ יתברך

יום ב׳ וארא תשע״ח

לכבוד מיין טייערע תלמידה.... תחי׳

דו קענסט זיך נישט פארשטעלן ווי שטארק איך האב הנאה דיך צו זען יעדן טאג אין סקול, מיט דיין שמייכל און זען ווי דו הערסט צו יעדע ווארט וואס מיר לערנען. איך פיל ווי ס׳האט זיך געלוינט צו קומען אין סקול נאר פאר דיך אליינס! אלע מיידלעך האבן אזוי הנאה פון דיך, פון דיין גוטע מידות און געשמאקע קאמפעני!

איך פריי מיך זייער צו זען ווי דו שטרענגסט זיך אן צו מיט דאווענען מיט די קלאס, אפילו איך ווייס אז ס׳איז נישט אייביג גרינג, אסאך מאל איז גרינגער צו זאגן שטיל, אבער זאלסט וויסן אז דיין קול מאכט אזא חילוק און די דאווענען פון די קלאס איז אנדערש ווען דו זאגסט און דו זינגסט מיט הויך!

זאלסט זען צו העלפן אסאך דיין מאמע, איך דארף דיך נישט זאגן, דיין מאמע זאגט מיך אז זי פארלאזט זיך אסאך אויף דיך און אז דו העלפסט זייער אסאך אינדערהיים. דאס איז די בעסטע אינוועסטמענט וואס דו קענסט מאכן, צו טון כיבוד אב ואם, ווייל נאך אביסל (נישט אזוי לאנג ווי דו מיינסט!) וועסטו חתונה האבן און דעמאלטס וועסטו האבן ריווח פון יעדע זאך וואס דו האסט געטון אינדערהיים, קאכן, אויפרוימען, וועש, ווייל דעמאלטס וועסטו שוין זיין עקספיריענסט. ס׳זענען דא מיידלעך וואס זייערע מאמעס האבן ׳רחמנות׳ אויף זיי און לאזן זיי שפילן א גאנצן טאג, און ווילן זיי ׳נעבעך׳ נישט בעטן צו העלפן... ווען ס׳קומט אבער אז די מיידלעך האבן חתונה, האבן זיי נישט קיין אהנונג ווי אזוי אנצוהייבן צו פירן א שטוב... און דעמאלטס זענען זיי הערשט א רחמנות...

ווען דעם, דריי דיך נישט ארויס, נאר פארקערט, פרעג דיין מאמע אלעס וואס נאך דו קענסט טון, און געדענק עס צו טון מיט א שמייכל, אן זיך גרויסן אויף די אנדערע קינדער. אסאך מאל האט די גרויסע מיידל די עיקר אחריות פון העלפן, און זי האט אויך די גרעסטע נסיון צו שרייען אויף די יונגערע געשוויסטער אז זיי דארפן אויך העלפן, און נישט זיצן און קוקן ווי נאר איך ארבעט... (איך ווייס פון פערזענליכע ערפארונג, ווייל איך בין אויך געווען די עלטסטע מיידל, מיט אפאר יונגערע שוועסטערס, און אסאך מאל האב איך געפילט ווי איך גיי פלאצן, ווי איך טו אזוי סאך און די אנדערע טוען גארנישט...) אבער זאלסט גוט געדענקען אז דיין מאמע דארף נישט דיין הילף צו מחנך זיין אירע קינדער, דו טו דיינס און קוק נישט וואס אנדערע טוען יא אדער נישט, וועט דיין שכר זיין מורא׳דיג גרויס!

א גוטן טאג!

## די פרשה לערנט מיר

די וואך אין די פרשה זעט מען אן אינטערסאנטע זאך, ווען די אידן האבן געטרינקען פון די וואסער איז עס געווען ריינע, קלארע, געשמאקע וואסער, אבער פון די אנדערע זייט ווען די גוי האט עס געטרינקען איז געווען אומבא׳טעמ׳טע בלוט.

די זעלבע זאך איז ווען איינער לעבט מיט די אייבערשטער האט א געשמאקע, בא׳טעמ׳טע לעבן, אבער איינער וואס לעבט נישט מיט די אייבערשטער האט א שווערע ביטערע לעבן. זיי קענען האבן די זעלבע גלאז וואסער, די זעלבע צרה, אבער פאר דער וואס לעבט מיט די אייבערשטער איז עס בכלל נישט קיין צרה, און דער וואס לעבט נישט מיט די אייבערשטער וועט עס נישט קענען דורכטראגן. וואויל איז פאר די מיידל וואס לעבט מיט די אייבערשטער, זי וועט האבן א שיינע לעבן.

# רעסעפי

**MELT IN MOUTH COOKIES**



**2 cups flour**

**1 cup confectioner's sugar**

**3 sticks margarine**

**1 vanilla sugar**

**1 cup corn starch**

**Mix all ingredients, then refrigerate for 30 minutes. Bake for 18 minutes on 350°**

נישט פארגעסן צו בעטן די אייבערשטער עס זאל גוט געלונגען!




קיואל פון חיזוק

212 -444 – 9169